# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.....................**5:57**

מוצאי שב"ק.......................**7:26**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.......דברי הימים-ב ל"ה-ל"ו

בבלי.....................ראש השנה ז'

ירושלמי........................גיטין ה'

תוספתא...................יבמות ט'

רמב"ם...........ביאת המקדש ו'


פרשת לך, י' חשון, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 7 (522)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ, אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין לַאנְד אוּן פוּן זַיין גֶעבּוּרְטְסְאָרְט אוּן פוּן זַיין טַאטְנְ'ס הוֹיז, אוּן גֵיין צוּם לַאנְד וָואס עֶר וֶועט אִים וַוייזְן.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט גְלַייךְ וואוּ עֶר זָאל גֵיין, אַז עֶס זָאל זַיין בַּאלִיבְּט אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען בַּאזוּנְדֶער שְׂכַר אוֹיף יֶעדְן בַּאפֶעל פוּנְ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס מָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֵייסְן אוּן וַוייזְן וואוּ צוּ גֵיין וַוייטֶער.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁלִיסְל אִין דָאס לֶעבְּן פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט נִישְׁט פַאר מֶענְטְשׁ קְלָאר וואוּ עֶר דַארְף גֵיין אוּן וָואס עֶר בְּרוֹיךְ טוּן אוּן אוֹיפְטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט אוֹיפְאַמָאל, עֶר זֶעט וָואס עֶר דַארְף יֶעצְט צוּ טוּן, אָבֶער פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער אִיז דֶער וֶועג זֵייעֶר פַארְנֶעפְּלְט אוּן פַארְוָואלְקְנְט, אוּן מְ'דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אֵיין טְרִיט אוּן נָאךְ אַ טְרִיט, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אֲפִילוּ מְ'זֶעט נִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ וואוּ מְ'גֵייט אָנְקוּמֶען, אוּן וִוי אַזוֹי מְ'גֵייט מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט אַז דָאס וָוארְט "אַרְאֶךָּ" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "בַּעֲנָנִים" - אִין דִי וָואלְקֶענֶעס. וַוייל אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס וֶוען אַ אִיד וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט גֶעוֶוענְלִיךְ שְׁפִּירְן זֵייעֶר פַארְוָואלְקְנְט, אַזוֹי וִוי וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְן דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן, וֶועט עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר טוּנְקְל פַאר אִים, עֶר שְׁפִּירְט אַ גְרוֹיסֶע חַשְׁכוּת, אוּן מְ'דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ', י"ז) וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אֵיין טָאג כַאפְּט אִים אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן עֶר ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מִדַּת הַדִּין אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט גְלַייךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט מֶען אִים אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער רַחֲמָנוּת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת.

אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, קֶען עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי מְנִיעוֹת. אוֹיבּ אָבֶער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט אוּן גְרִינְג, אוּן דֶערְוַוייל זֶעט עֶר גָאר אַז אַלֶעס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן פַארְלָאשְׁן, אוּן עֶר לָאזְט נֶעבֶּעךְ אָפּ זַיינֶע גוּטֶע וֶועגְן.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם טוּנְקֶעלְן וָואלְקְן אוּן נֶעפְל וָואס נֶעמְט אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, "וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק", זֶענֶען דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּצוּגֵיין, אָבֶער "וּמֹשֶׁה", דָאס אִיז דֶער דַּעַת אוּן שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט דֶעם שֵׂכֶל פוּן אַ צַדִּיק, "נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל", גֵייט עֶר דַוְקָא יָא אַרַיין צוּם נֶעפְל, וַוייל עֶר וֵוייסְט, "אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים", אַז דָארְט בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

וֶוען אַ אִיד קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת אַרוּם זִיךְ, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז מְקַיֵּים דֶעם "לֶךְ לְךָ", גֵיי נָאר צוּ דִיר אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', הַקְדָּמָה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג, כ"ד) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם תַּכְלִית.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען סְ'שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְוָואלְקְנְט, מְ'זֶעט נִישְׁט וָואס מְ'טוּט, מְ'פִילְט נִישְׁט וָואס מְ'טוּט אוֹיף, מְ'זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט אוֹיפְאַמָאל, וֶועלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֶךְ לְךָ תשע"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו'): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוָיָ' צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוָיָ' פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר ווִיל פְּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוָיָ'. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵּל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוָיָ'.

דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק י"ב) "לְפִי שֶׂכֶל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִּין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַּן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס.

<<<<<<

## א גוט ווארט

לָאז נִישְׁט דִי עֲבֵירָה זָאל דִיר אַרָאפְּוַוארְפְן; אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאלְסְטוּ יֶעצְט הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר", אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, "אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל", וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפְּגִיוָוארְפְן, "רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם", אִיךְ וָואלְט נָאכְדֶעם גֶּוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיר, "רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה", דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְרֶעגְלְטְן אִיד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער עִיקָר שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְרֶעגְלְטְן אִיד"; אֵיינֶער וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן עֶר בְּלַייבְּט בַּיי דִי אֱמוּנָה, אַזַא אֵיינֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ. מֶען דַארְף וִויסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד, אָבֶּער דֶער אִיד וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טֵייעֶרֶער חַבֵר; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִינְג אַ גַאנְצְן טָאג: "כִּי טוֹב הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט", טוֹב הַשֵּׁם לַכֹּל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, זַיין רַחֲמָנוּת אִיז אוֹיף אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

גְלֵייבּ מִיר, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער, אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אִיבֶּער; מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בִּיז אִיךְ וֶוער שְׁטַארְק; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ב)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קכ)

**תנו**

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּנֶעם דַאוֶונֶען. עֶר הָאט זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז מְ'דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ דַאוֶונֶען מִיט כַּוָּונָה, אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט.

וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן תְּפִלָּה מִיט כַּוָּונָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזָאגְט מְ'זָאל אִינְזִין הָאבְּן כַּוָּונוֹת פוּן אֲרִיזַ"ל, אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר הָאט בַּאפוֹילְן לֶערְנֶען כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, הָאט עֶר זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעהֵייסְן דַאוֶונֶען מִיט דִי כַּוָּונוֹת, נָאר פָּשׁוּט אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער, "בָּרוּךְ אַתָּה ה' - גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער", אַז דֶער מֹחַ זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען שְׁטַארְק צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט, טְרַאכְטְן פוּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, מְ'זָאל גוּט צוּלֵייגְן דֶעם קָאפּ צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען, דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה מִיט כַּוָּונָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז מְ'דַארְף זִיךְ נִישְׁט פְּלָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט אַז מְ'זָאל יָא אַרַיינְלֵייגְן דֶעם גַאנְצְן כֹּחַ אִינֶעם דַאוֶונֶען, זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

אִיבֶּער דִי פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מְ'זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף, נָאר וַוייטֶער טוּן וָואס מְ'טוּט, וַוייטֶער דַאוֶונֶען וואוּ מְ'הַאלְט, אוּן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַלֶע זַייטִיגֶע בִּלְבּוּלִים וָואס קוּמֶען אַרַיין, בִּכְלַל נִישְׁט צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען מַמָּשׁ דִי גַאנְצֶע דַאוֶונֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף מִיט דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּונָה, נָאר יֶעדֶער הָאט אִינְזִין אַן אַנְדֶערְן חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי מְ'זֶעט בְּחוּשׁ אַז אֵיינֶער זָאגְט קְטוֹרֶת מִיט כַּוָּונָה, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט כַּוָּונָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אִין כְּתָבִים פוּן רֶבִּי'ן אַ תּוֹרָה אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען קְלָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ, דֶערְפַאר הָאט עֶס נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דָאס בִּיסְל וָואס עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט פוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַז סְ'שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן י"ח) "אִית מָארֵי דְיָדִין וְאִית מָארֵי דְרַגְלִין" וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּחִינָה, אַז יֶעדֶער כַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַן אַנְדֶערֶע חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען, אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה.

דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ וֶוען מְ'זֶעט אַז מְ'הָאט נָאר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בַּיי אֵיין חֵלֶק פוּנֶעם דַאוֶונֶען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען מֶער נִישְׁט דַאוֶונֶען גֶעהֶערִיג בְּשׁוּם אוֹפָן, וַוייל אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין. מְ'זָאל נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ דַאוֶונֶען פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער פְּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

\>>>>>>

דִי לְוָיָ' פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר. פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוָיָ'. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעוואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא וואוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוָיָ'. בַּיי דִי לְוָיָ' הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוָיָ', עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעוואוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט'עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטְן בַּיי דִי לְוָיָ'. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוָיָ' דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוָיָ', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוֹב זי"ע, דֶער "צְבִי לַצַּדִּיק", פְּלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל דִינוֹב'עֶר זי"ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי"ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִּיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: "אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?" וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן"...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע

<<<<<<

<<<<<<

לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַּאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלּוּי פַּאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ מֵת מִצְוָה)

<<<<<<

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, מיט בני חיי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

# שמחה משולשת: שבע ברכות, חנוכת הבית, און סיום מסכת, אין בית המדרש היכל הקודש בלומינג גראוו

דעם זונטאג זענען פילע אנשי שלומינו פון קרית יואל און די אומגעגנט זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש אין בלומינג גראוו, וואו עס איז פארגעקומען א שיינע מסיבה, וואס האט כולל געווען דריי גרויסע שמחות, צום ערשט האט עס געדינט אלס שמחת "שבע ברכות" פאר'ן חתן מו"ה אשר קרויס הי"ו וואס האט חתונה געהאט פארגאנגענע וואך אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג; דערנאך איז דאס געווען די שמחה פון חנוכת הבית המדרש נאכדעם וואס מען האט שטארק פארגרעסערט און פארשענערט דעם בית המדרש היכל הקודש אין בלומינג גראוו; אין די זעלבע צייט האט מען געפראוועט דעם סיום מסכת ביצה, וואס מען האט יעצט געענדיגט ביים שיעור וואס ווערט פארגעלערנט טאג טעגליך אין בית המדרש אין די ראמען פונעם דף הקהלה, דורכ'ן גבאי פון בית המדרש היכל הקודש בלומינג גראוו הר"ר בערל לעווי שליט"א.

א שיינע ציבור האט זיך פארזאמלט אין בית המדרש לכבוד דעם געלעגנהייט, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז געקומען צו פארן האט אויפגעטרעטן מיט גאר א שיינעם שיעור, און דערציילט פילע אינטערעסאנטע עפיזאדן, און שטארק ארום גערעדט איבער די גרויסקייט פון לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג, די גרויסקייט פונעם "סדר דרך הלימוד", דאס איז "זאגן" די הייליגע ווערטער פון די גמרא אפילו מען פארשטייט נישט. דער ראש ישיבה האט געבעטן אנשי שלומינו מען זאל יעצט אנהייבן די נייע מסכת ראש השנה און לערנען יעדן טאג א בלאט, און געזאגט "זייט נישט משלים קיין בלעטער! נעם היינט די גמרא און לערן א בלאט גמרא!"

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שטארק ארום גערעדט איבער שלום בית, און ארויסגעברענגט אז אז עס איז נישט מעגליך צו האבן אמת'ן שלום בית, דאס הייסט אז מ'זאל זיך באמת שעצן איינער דעם צווייטן, זיך פארשטיין איינער מיט'ן אנדערן אין שטוב, נאר ווען מען פאלגט א צדיק, מען קען טרעפן אזעלכע וואס געוועלטיגן אין שטוב, דורך ארויפצווינגען אדער פארדרייען דעם קאפ; אויב זעט מען אבער איינעם מיט אמת'ע שלום בית, איז עס נאר דורך א צדיק.

דער ציבור איז זיך צוגאנגען מיט געהויבענע געמיטער, און מיט פרישע קבלות פון לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, און שעצן און רעדן שיין אינדערהיים.

**גדול יהיה כבוד הבית!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אוֹיף דֶער עֶלְטֶער שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ וִוי אַן אוֹיסְגֶענוּצְטֶע שְׁמַאטֶע



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ נֶעם אַזוֹי סַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס קוּקְט אֶפְשָׁר אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינִיקֵייט אָבֶער פַאר מִיר אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע צָרָה; אִיךְ אַרְבֶּעט בַּיי אַ גֶעוִויסֶע קָאמְפַּאנִי שׁוֹין פַאר דִי לֶעצְטֶע צְוָואנְצִיג יָאר, לֶעצְטְנְס הָאבְּן זֵיי מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צָאלְן וֵויינִיג, וַוייל זֵיי טַעֲנָה'ן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ אַרְבֶּעטְן גֶעהֶערִיג. אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן זוּכְן אוּן טוּן אַ נֵייעֶ פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה נָאר צוּ זַיין דָארְט פַארְשְׁקְלַאפְט, אַרְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אַ גַאנְצְן טָאג פַאר דִי פָאר דָאלֶער וָואס אִיךְ בַּאקוּם.

אִיךְ וַויין אַסַאךְ בַּיי דִי נֶעכְט וַוייל סְ'טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. כְ'הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן מַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן אַרְבֶּעטְנְדִיג שְׁוֶוער פַאר דִי קָאמְפַּאנִי, אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ ווִיל שׁוֹין הָאבְּן אַבִּיסְל מְנוּחָה, דַארְף אִיךְ וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, אָבֶער אִיךְ בַּאקוּם כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַן אוֹיסְגֶענוּצְטֶע שְׁמַאטֶע. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֵויינֶען וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס וְכוּ', דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דַיין צַייט פַאר דִי בִּיזְנֶעס, הָאסְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - פַאר דִי אַרְבֶּעט; דֶעמָאלְט בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַ רַחֲמָנוּת, יֶעצְט וֶוען מֶען לֵייגְט דִיר אִין דִי זַייט וְכוּ', - בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער; לְכָל הַפָּחוֹת יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז - קֶענְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "הָעוֹלָם הַזֶּה אֵינוֹ כְּלוּם", נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, "רַק לִמְשֹׁךְ אֶל הַתַּכְלִית הַנִּצְחִי", אוֹיסֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, "כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", סַיי מִיט גֶעלְט אוּן סַיי וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט גֵייט אַרִיבֶּער דֶער לֶעבְּן אֵיינִיג. "כִּי הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי", דִי וֶועלְט נַארְט אוּנְז, "שֶׁמַּרְאֶה אֶל הָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַרְוִיחַ בְּכָל פַּעַם", עֶס דַאכְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז יֶעצְט מַאכְט מֶען אַסַאךְ גֶעלְט, "וּבַסּוֹף אֵינוֹ כְּלוּם", אוּן בַּיים סוֹף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט, "כַּאֲשֶׁר נִרְאֶה בְּחוּשׁ בְּרֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁעוֹסְקִים וְעוֹבְדִים יָמִים וְשָׁנִים בִּסְחוֹרוֹת וּמַשָּׂא וּמַתָּן, וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט קְלָאר, רוֹב מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן בַּיים סוֹף וֶוען מֶען מַאכְט דִי חֶשְׁבּוֹן וואוּ דִי גֶעלְט אִיז - זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, "וְאִם אַפִלּוּ מַשִּׂיג מָעוֹת לוֹקְחִין אוֹתוֹ מִן הַמָּעוֹת", אוּן אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְדִינֶען יָא גֶעלְט - הָאבְּן אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פוּן דִי גֶעלְט, מֶען נֶעמְט זֵיי אַוֶועק פוּן דִי גֶעלְט, "וְהַכְּלָל, שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל בְּלַייבְּן בֵּיידֶע זַאכְן - דֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי גֶעלְט, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער בְּלַייבְּט דִי גֶעלְט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי גֶעלְט, מֶען שְׁטַארְבְּט, "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנִּזְכָּר לְעֵיל", עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט זַיין גֶעלְט. "גַּם הֵיכָן הוּא כָּל הַמָּעוֹת שֶׁעוֹשִׂין מִימוֹת עוֹלָם?" דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט, אוֹיבּ גֶעלְט אִיז אַ מְצִיאוּת, דַאן וואוּ אִיז דִי גֶעלְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, "כִּי מֵעוֹלָם עוֹשִׂין תָּמִיד מָעוֹת, וְהֵיכָן הוּא כָּל הַמָּעוֹת", אַלֶע מַאכְן דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלְט, אִיז וואוּ אִיז דִי גֶעלְט? "רַק בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כְּלוּם לְגַמְרֵי", נָאר וָואס דֶען, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֶעלְט אִיז אַ דִמְיוֹן; קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן.

אַ נֵס אַז דוּ הָאסְט זִיךְ יֶעצְט גֶעכַאפְּט וואוּ דוּ בִּיסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קֶענְסְטוּ זִיךְ כַאטְשִׁיג יֶעצְט אָנְגְרֵייטְן אַבִּיסְל צֵדָה לַדֶּרֶךְ; בַּאלְד גֵייעֶן מִיר אַוֶועק אוֹיף אַ לַאנְגֶע וֶועג, מֶען וֶועט דָארְט זַיין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אוּן דוּרְשְׁטִיג, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי לַאנְגֶע וֶועג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כג) "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן, מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", דִי

<<<<<<

>>>>>>

נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, "וְכֵן מְנָחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר: "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְוֹת", ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר, עֶר הָאט דִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דַיין טִיפֶע לַאנְגֶע שְׁלָאף. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט דִיר אוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין דִי אַרְבֶּעט, וָואלְסְטוּ גֶעמֵיינְט בִּיזְן שְׁטַארְבְּן אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס, דוּ וָואלְסְט זִיךְ גֶענַארְט בִּיזְן גְרוּב מִיט דַיין גוּטֶע אַרְבֶּעט אוּן דוּ וָואלְסְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט מִיט אַ גוּטֶע דְזְשַׁאבּ, מִיט אַ גוּטֶע סֶעלֶערִי; יֶעצְט הָאסְטוּ כָאטְשִׁיג צַייט זִיךְ צוּ גְרֵייטְן מִיט תַּכְלִית אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן דִי וֶועלְט וָואס נַארְט אָפּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ פְּרִיוַואטֶע קַשְׁיָא, וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט; הָאסְט שׁוֹין אֵיין מָאל גֶעעֶנְדִיגְט אִין דַיין לֶעבְּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה? הָאסְט שׁוֹין אֵיין מָאל גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס בַּבְלִי? יְרוּשַׁלְמִי? תּוֹסֶפְתָּא? רַמְבַּ"ם? טוּר? שֻׁלְחָן עָרוּךְ? מֶדְרָשׁ רַבָּה? מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא? זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ? תִּיקּוּנֵי זוֹהַר? אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ וֵויינֶען בַּיינַאכְט, דָאס טָאר נִישְׁט לָאזְן שְׁלָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ; בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין אִינְגֶערְמַאן, מִיט וָואס וֶועסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...?!

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; גְרֵייט זִיךְ אָן פוּן דִי רִיכְטִיגֶע סְחוֹרָה וָואס בְּלַייבְּט בַּיים מֶענְטְשׁ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי רַבִּי נְהוֹרָאִי זָאגְט: (קִידּוּשִׁין פב:): "שֶׁכָּל אוּמָּנוּת שֶׁבָּעוֹלָם אֵין עוֹמְדוֹת לוֹ אֶלָּא בִּימֵי יַלְדוּתוֹ", אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט בְּרֶענְגְט גֶעלְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "אֲבָל בִּימֵי זִקְנוּתוֹ הֲרֵי הוּא מוּטָל בָּרָעָב", אָבֶּער אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן גֵייט מֶען אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, "אֲבָל תּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן", אָבֶּער דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "עוֹמֶדֶת לוֹ לְאָדָם בְּעֵת יַלְדוּתוֹ, וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּעֵת זִקְנוּתוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - הֶעלְפְט עֶס לֶעבְּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; דָאס בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

**אַ פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# פרישע אומזיסטע חתונות אין ישיבה

די חתונה סעזאן איז יעצט אין איר פולסטן שוואונג, יעדע נאכט קומען פאר ברוך ה׳ צענדליגע חתונות אין אלע היימישע געגנטער, פאמיליע און גוטע פריינד האלטן מיט יעדן טאג נאך פרייליכע חתונות ביי זייערע נאנטע, עס דערפריידט דאס הארץ צו זען אזויפיל אידישע שטיבער וואס ווערן אויפגעשטעלט יעדן טאג לשם ולתפארת.

פון די אנדערע זייט טוט אבער ווי דאס הארץ אז אזויפיל פון די שמחות זענען נעבעך אויסגעמישט מיט פיל צער און עגמת נפש, רוב רובם פון די מחותנים קענען זיך נישט ערלויבן צו באצאלן די חתונה, אויף דעם גאר טייערן סטאנדארט ווי עס ווערט היינט געמאכט. מ׳דארף צוזאמקראצן, זיך אנבארגן, און ליידער אפילו גנב׳ענען, נישט קענענדיג באצאלן אלעס וואס מ׳דארף צושטעלן אז ס׳זאל זיין אן אזוי-גערופענע "נארמאלע" חתונה.

דעריבער איז גאר דערפרישנד צו זען די חתונות וואס קומען כסדר פאר אין ישיבה, הערליכע פרייליכע געשמאקע חתונות, וואס די חתונה נאכט קאסט נישט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים, אויסער די פילע אנדערע הוצאות וואס מ׳געבט נאר אויס וויפיל עס פעלט באמת אויס, נישט וואס מ׳דארף נאר צו געפעלן פאר "יענעם".

מ׳קען דאס נישט גלויבן און באגרייפן ביז ווען מ׳זעט דאס מיט די אייגענע אויגן. די משפחות פון די מחותנים, וועלכע האלטן מיט די חתונות אין ישיבה, קענען זיך נישט גענוג אפווינדערן פארוואס מענטשן זענען אזוי קינדיש צו פארשווענדן געלט פאר נארישקייטן וואס קיינער האט גארנישט דערפון, אין די צייט וואס מ׳זעט מיט די פליישיגע אויגן אז מ׳קען אהערשטעלן אזעלכע שיינע געשמאקע חתונות פאר ממש אומזיסט, און יעדער האט אזוי שטארק הנאה דערפון.

דאס איז אויסער דעם וואס די חתונות ענדיגן זיך באצייטנס, א זאך מיט וואס יעדער איז זיך גאר שטארק מחי׳, מ׳קען גיין שלאפן נארמאל, און אנהויבן דעם סדר היום דעם קומענדיגן טאג ווי געווענליך.

די לאנגווייליגע רעדעס און משלים מיט וואס די מספידים רופן אויס יעדן צום מצוה טאנץ, איז שוין אן אלטע פראבלעם וואס יעדער האט ביים זיך באטייליגן ביי א נאנטע משפחה שמחה. א זאך וואס מ׳האט אויך צוריקגעברענגט צום ארגינעלן וועג ווי אונזערע זיידעס פלעגן עס טון, דער שמש מאכט א "יעמוד יעמוד" אויפצורופן די זיידעס און די מחותנים צו גיין טאנצן לקראת הכלה.

די חתונות ברענגען צוריק דעם אמאליגן בא׳טעמ׳טן גלאנץ וואס א אידישע שמחה האט געהאט, מ׳קרויזט אויס אלע נארישקייטן וואס ווערן צוגעלייגט צו די חתונות יעדן צווייטן טאג, און נאכדעם וואס צוויי דריי נארנים טוען עס, כדי צו ווייזן פאר יעדן ווי מעכטיג זיי זענען, ווערט עס שוין ווי א "מסורה" וואס מ׳טאר זיך פון דעם נישט אוועקרירן.

די עלטערע זיידעס וואס באטייליגן זיך ביי די חתונות פון זייערע אייניקלעך אין ישיבה, דרוקן זיך כסדר אויס מיט נאסטאלגיע ווי אזוי די חתונות האבן אזא אידישן טעם, ממש ווי אמאל, אן אמת׳ע געשמאקע שמחה, אן די אלע צוגעלייגטע נייע זאכן.

פארגאנגענע וואך מיטוואך איז געגאנגען אונטער די חופה החתן מו"ה אשר קרויס הי"ו, פון די חשובע תלמידים פון ישיבה, א זון פון מו"ה משה קרויס שליט"א, פון די חשוב׳ע אנשי שלומינו פון מאנטשעסטער, עב"ג בת מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א, גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל פרעמישלאן. די שמחה איז פארגעקומען אין ישיבה, מיט די באטייליגונג פון קרובים און גוטע פריינד, און מיט א הערליכן געשמאקן אידישן חן, וואס האט דערפריידט און באצויבערט אלע משתתפים.

<<<<<<

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

מו"ה **שמעון עוזר פערל** הי"ו **וזוגתו** תחי׳, ירושלים עיה"ק

צו די שמחת החתונה פון זייער טאכטער עב"ג למזל טוב

**ר׳ שמעון עוזר הי"ו וזוגתו תחי׳ לייגן אריין גאר אסאך כוחות אריינצוברענגען דעם הייליגן רבינ׳ס לימודים אין אידישע קינדער, ספעציעל מיט׳ן מתרגם זיין דעם גליון און די עצתו אמונה אויף לשון הקודש, אז נאך אידן זאלן זיך קענען מחי׳ זיין מיט די לימודים און עצות פון הייליגן רבין, און מיט דעם האבן זיי שוין אויפגעראכטן פילע אידישע קינדער אין ארץ ישראל און איבער די גאנצע וועלט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאל זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט מיט פרנסה בריווח און הרחבת הדעת.**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

# טו עס פאר די קינדער

**אז ס׳איז פרייליך און גוטמוטיג אינדערהיים, מ׳שמייכלט איינער צום צווייטן, וועלן די קינדער זיין געזונט ברוחניות ובגשמיות**

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 7, 3**

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמעון איינהארן** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

# זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק** בן **פייגלה**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**< BreslevCenter.com >**